NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04252

A FROSH A RAYZENDERN

Vsevolod Mikhailovich Garshin

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-04252-8

9780657042523T.PS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.



װ. גארשינ

א פראָש-
א רײַזנדערנ

אוקרמעלוכענאצמינדפארלאג

שול ביבליאטעק

8924

וו. גארשינ

א פּראָש— א רײַזנדערנ

מעלוכע־פארלאג
פאר די נאציאָנאלע מינדערהײַטנ אינ אוססר
קיִעוו — 1937

...ОТЕКА
...РСР
10439е

געלעבט האָט אמאָל אפ דער וועלט א פראָש—א קוואקערקע. זי פלעג זיכ זיצנ אינ געמויזעכצ אונ כאפנ מוקנ מיט קליינע פליגעלעכ, אונ פרילינג־צײַט פלעג זי קוואקענ הויכ אפ א קאָל באגלײַכ מיט אירע כאווערטעס. מעגלעכ, אז די פראָש וואָלט זיכ אָפּגעלעבט דאָס גאנצע לעבנ אירס אינ רו אונ אינ פרידנ, מיטנ אײנעם טנײַ, פארשטײ[illegible] זיכ, אז סע זאָל ניט אָנפליענ קײנ בושעל אונ זי ניט אײַנשלינגענ. דארפ זיכ אָבער טרעפנ א מײַסע.

אײנמאָל איז די פראָש געזעסנ אפ א סוקעוואטנ שטיק האָרצל, וואָס האָט ארויסגעשטעקט פונ דער וואסער, אונ האָט געשעפט נאכעס פונעם ווארעמענ, דריבנעם רעגנדל.

„אכ, ס'ארא מינ טײַערער פײַכטער וועטער ס'איז הײַנט!— האָט זי געטראכט צו זיכ אלײנ.—ס'איז דאָכ מאמעש א פאר־געניגנ צו לעבנ אפ דער וועלט!"

דאָס רעגנדל האָט זיכ געמאראקעט איבער איר ראַב, לאז[illegible] קירט פלײטשקעלע; די טראָפּנדלעכ האָבנ געגומענ אָפּרינענ צו איר אונטערנ בײַכל אונ צווישנ די פיסלעכ, איז עס גע[illegible]

אזוי מעכײַעדיק אונ דערקוויקנדיק, אז זי האָט זיכ שיר־שיר ניט צעקוואקעט פאר פרײד. נאָר א גליק, וואָס זי האָט באַצײַטנס זיכ דערמאַנט, אז ס׳איז שוינ הארבסט אונ קײנ פרעש קוואַקענ ניט אינ הארבסט—דערופּ איז דאָכ דאָ א פרילינג. דערום האָט זי געמאכט א שווײַג אונ זיכ נאָר אזוי אָנגעטאָנ דעם פארגעניגנ.

פּלוצעם האָט זיכ צעטראָגנ אינדערלופטנ א דינער פּײַפּנדיקער קלאנג, וואָס רײַסט זיכ אלעמאָל איבער. דאָס זײַנענ פּאַראנ אזעלכע מינימ ענטלעכ, וואָס ווענ זײ פליִענ, האקנ זײערע פליגלענ איבער די לופט מיט אזא קלאנג, פּונקט ווי זײ וואָלטנ געזונגענ, אָדער בעסער געזאָגט—ווי זײ וואָלטנ אונטערגעפּײַפּט; פיו־פיו־פיו־פיו—צעטראָגט זיכ אינדערלופטנ, בעשאס אזא מינ שארע ענטלעכ פליט איבער אײַכ—כאָטש די ענטלעכ גופע מעגט איר אפילע ניט זענ, אזוי הויכ פליִענ זײ... איצטיקס מאָל האָבנ די ענטלעכ געמאכט אינדערלופטנ א גרויסנ האלב־קרײַז אונ דערנאָכ זיכ אראָפּגעלאָזנ פּונקט צו דעם געמויזעכצ, ווו די פראָש אונדזערע האָט געלעבט.

— קריא, קריא!—האָט זיכ אײנע פונ זײ אָנגערופנ.—פליִענ דארפנ מיר נאָכ ווײַט, וועט ניט שאטנ עפּעס איבערבײַסנ.

אונ די פראָש האָט זיכ גלײַכ באהאלטנ, כאָטש זי האָט גראָדע פארשטאנענ, אז די ענטלעכ וועלנ זי ניט אופעסנ, ווײַל זײ האָבנ ניט ליב אזעלכע גרויסע אונ גראָבע קוואקערקעס, ווי זי איז, אָבער דאָכ האָט זי אפ יעדנ פאל זיכ באהאלטנ אינ וואסער אונ איז פארקראָכנ צווישנ די וואָרצל־צווײַגנ. אפ א ווײַלע האָט זי בא זיכ פונדעסטוועגנ געפּויעלט, אז זי מעג אט א רעגע ארויסשטעקנ איר פּלאטשיקנ קאָפּ מיט די בונקעוואטע אויגנ: ס׳האָט זיכ איר זײער געגלוסט וויסנ, וווּהינ ס׳פליִענ די דאָזיקע ענטלעכ.

— קריא־קריא!—מאכט דאָס צווײטע ענטל.—ס׳ווערט שוינ גוט קאלט! וואָס גיכער אפ דאָרעמ! וואָס גיכער אפ דאָרעמ!

אונ אלע ענטלעכ האָבנ זיכ צעשריגנ הויכ אפ א קאָל—א סימענ, אז זײ האָבנ גאָרניט קעגנ.

געלעבט האָט אמאָל אם דער וועלט א פראָש — א קוואקערקע.

— געערטע ענטלעך, — האָט די פּראָש זיך אײַנגעשטעלט און אַ פֿרעג געטאָן, — וואָס איז עס אַזעלעכס דער דאָזיקער דאָרעם, וווּהין איר פֿליט? איך בעט מיר נאָר אַנטשולדיקן, וואָס איך דערקוטשע אײַך.

דאָ האָבן די ענטלעך זיך אַרומגעשטעלט אַרום דער פּראָש. די ערשטע רעגע האָבן זײ געקלערט, אַז מע דאַרף זי גאָר אופֿעסן. אָבער יעדערע פֿון זײ האָט זיך באַלד באַטראַכט, אַז די פּראָש איז צו גרויס און זי וועט ניט קאָנען דורכקריכן אין שלונג אַרײַן. דאַן האָבן זײ אַלע גענומען שרײַען און פּאַטשן מיט די פֿליגלען.

— אפֿ דאָרעם איז גוט! איצט איז דאָרט וואַרעם! דאָרט געפֿינען זיך אַזעלכע וואַרעמע און ליבֿע געמויזעכצן! און ס׳אַרא ווערעם ס׳איז דאָרט צו קריגן! אפֿ דאָרעם איז גוט!

זײ האָבן אַזוי הויך געשריגן, אַז די פּראָש האָט געמיינט, אַז זי וועט גאָר טויב ווערן. קוים מיט צאָרעס האָט זי בײַ זײ געפֿועלט, זײ זאָלן אַנשוויגן ווערן, און ערשט דערנאָך האָט זי אײַנגעבעטן איינע, וואָס האָט איר אויסגעזען צו זײַן פֿעטער און קלוגער פֿון די איבֿעריקע, אַז יענע זאָל איר דערציילן, וואָס איז עס אַזעלעכס דער דאָרעם. אַז יענע האָט איר אַלץ אויסגעדערציילט וועגן דעם דאָרעם, איז די פּראָש געוואָרן שטאַרק אַנטציקט פֿון דעם, אָבער צום סאָף האָט זי פֿונדעסטוועגן אַ פֿרעג געטאָן, דערפֿאַר וואָס פֿאַרזיכטיקײַט שאַט קיינמאָל ניט:

— ווי האַלט עס דאָרטן מיט קלײנע פֿליגעלעך און מיט מוקן?

— אָ! גאַנצע בערג, — האָט דאָס ענטל געענטפֿערט.

— קוואַ! — האָט די פּראָש אַ מאַך געטאָן. אָבער זי האָט גלײַך געכאַפּט אַ קוק, צי קײנער פֿון אירע כאַווערטעס הערט זיך ניט אונטער, מע זאָל זי באָטש ניט באַריידן דערפֿאַר, וואָס זי קוואַקעט אום האַרבסט. מע דאַרף אָבער זײַן שטאַרקער פֿון אײַזן, מע זאָל אין אַזאַ רעגע זיך אײַנהאַלטן און קײן אײן קוואַקע ניט טאָן: — נעמט מיך אויך מיט!

ווי אזוי קאָנען מיר דיך מיטנעמען, אז דו האָסט דאָך ניט קיין פליגל?

— אָט דאָס וווּנדערט מיך בּיז גאָר! — האָט דאָס ענטל אויס־געררופן. — ווי־אַזוי קאָנען מיר דיך מיטנעמען, אַז דו האָסט דאָך ניט קיין פליגל.

— וועמ פליט איר דען? — האָט די פראָש א פרעג געטאָן.

— גיך, גיך! — האָבּן אלע ענטלעך זיך צעשריגן. — קריא, קריא! קריא, קריא! דאָ איז שוין קאלט! צום דאָרעם! צום דאָרעם!

— גיט מיר כאָטש פינף מינוט אפּ קלערן, — האָט זיך די פראָש אָנגערופן. — איך קער זיך באלד אום אפ צוריק. איך מוז עפּעס צוטראכטן, ס'זאָל אויסקומען גוט.

און זי האָט זיך א פליוסקע געטאָן פונעם וואָרצל אראָפּ צו־ריק אין וואסער אריין, האָט זיך אונטערגעטוקט אונטערן שלאם און זיך אין אים גוט איינגעריבּעט, קעדיי קיין שום זייטיקע זאכן זאָלן איר ניט שטערן זיך באטראכטן. די פינף מינוט זיינען דורכגעגאנגען. אלע ענטלעך האָבּן זיך שוין געהאט אויסגעקליבּן פליִען, אָבּער דאָ האָט זיך לעם דעם באקאנטן וואָרצל ארויסגעשטעקט פון דער וואסער דער פראָשס צורע, און די דאָזיקע צורע האָט איצט אזוי געשיינט, אז שענער שיינען קאָן שוין, דאכט זיך, ניט קיין שום זשאבּע אין דער וועלט.

— באקלערט! געפונען! — האָט די פראָש אויסגערופן. — צוויי ענטלעך דארפן נעמען א ריטל אין זייערע שנאָבּלען. פאר דעם דאָזיקן ריטל וועל איך זיך אָנכאפּן אין דער מיט. דאן וועט איר פליִען, און איך וועל זיך פאָרן. מע דארף נאָר פארגעדענקען אז איר טאָרט ניט קריאקען און איך טאָר ניט קוואקען. דאָס איבּעריקע וועט שוין זיין אלץ גוט.

ניט געקוקט דערוף, וואָס שווייגן די גאנצע צייט און שלעפּן מיט זיך, מעג זיין אפילע ניט אזא מין שווערע פראָש דריי טויזנט ווערסט איז ניט פון די גרויסע פארגעניגנס, אָבּער דער פראָשס קלוגשאפט האָט דאָך געמאכט אזא מין שטארקן איינדרוק אפ די ענטלעך, אז יענע האָבּן אָן שום אמפּערניש איינגעשטימט זי מיטנעמען מיט זיך. און אזויווי ענטלעך איז דאָ געווען,

באַ דער פראָש האָט עס פאַרכאפּט דעם אָטעם פונ דער שרעקלעכער הייכ.

פונקט ווי סע זאָגט זיך אינעם רעטעניש: אזויפיל און נאָכאמאָל אזויפיל, און א העלפט פונ דעם, און א פערטכיילעך פונ דעם, און די פראָש איז נאָר געווענ איינע, איז קלאָר, אז באַלאָנים אפ טראָגנ האָבנ זיך געפונענ גענוג. מע האָט אָפּגעזוכט א גוט און שטארק ריטל. צוויי ענטלעך האָבנ אָנגענומענ דאָס ריטל מיט די שנאָבלענ. די פראָש האָט אָנגעהאַלטנ מיטנ מויל אָנעם ריטל בא דער מיט, און די גאנצע שארע האָט זיך אופגעהויבנ אינדערלופטנ. די ענטלעך האָבנ זיך אופגעהויבנ אפ אזא מינ הייך, אז בא דער פראָש האָט עס אזש פארכאפּט דעם אָטעם. דערצו זיַינענ נאָך די ענטלעך געפלויגנ ניט איבעריק גלײַך, האָט זיך דאָס ריטל אומגעצופּט, און אונדזער אָרעמע קוואַקערקע האָט זיך געטעלעפּעט אינדערלופטנ, פונקט ווי א פאפּירענער פּאַיאַץ. זי האָט מיט אלע קויכעס צונויפגעקוועטשט אירע מויל־שלייפנ, זי זאָל זיך, כאָלילע, ניט אָפּרײַסנ און ניט אראָפּהעפּענ אפ דער ערד. זי האָט אָבער גאנצ גיך זיך צוגעוווינט צו איר לאגע און זיך שוינ אפילע גענומענ צוקוקנ צו דער וועלט. אונטער איר האָבנ זיך איַנ גרויס שנעלקײַט דורכגעטראָגנ פעלדער, לאָנקעס, טײַכנ און בערג. באטראכטנ ווי גערעריק די אלע זאכנ האָט זי, דעם עמעס געזאָגט, ניט געהאט קײַנ מעגלעכקײַט, ווײַל לויט דעם, ווי זי איז געהאנגענ אפנ ריטל, איז איר אויסגעקומענ קוקנ אפ צוריק און א קאפּיטשקעלע ארופּצו. אָבער עפּעס־וואָס האָט זי דאָך יאָ געזענ, און דאָס האָט איר פארשאפנ אי פרייד, אי שטאָלצ.

„נו, האָב איך עס גוט צוגעטראכט“, — האָט די פראָש געקלערט צו זיך אליינ.

און די ענטלעך זיַינענ געפלויגנ פוס־טראָט נאָך דער פּאָדערשטער פּאָר, וואָס האָט געטראָגנ די פראָש. זיי האָבנ פריילעך געשריגנ און זי געהאלטנ אינ איינ לויבנ:

— א קלוגער קאָפּ, — האָבנ זיי גערעדט, — מאמעש א וווּנדער. אפילע צווישנ די ענטלעך איז שווער אזעלעכס צו געפינענ.

די פראָש האָט זיך מיט אלע קויכעס איַינגעהאלטנ און זיי ניט באדאנקט, ווארעמ זי האָט גוט געדענקט, אז עפנט זי נאָר דאָס

זי האָט גענומען פאלן מיטן פאריסענע פיסלעך גלײַך צו דער ערד.

מויל, אזוי רײַסט זי זיך גלײַך אַראָפּ פון דער דאָזיקער שרעק־לעכער הייך. בא דעם געדאַנק, פלעג זי אלע מאָל נאָך שטאַר־קער צונויפדריקן אירע קינבאַקן און נאָך פעסטער פויעלן בײַ זיך, אז מע מוז שווײַגן.

אָט אזוי האָט זי זיך געטעלעפּעט דעם גאַנצן טאָג. די ענטלעך, וואָס האָבן זי געדארפט טראָגן, פלעגן זיך בײַטן מיט די פריער־דיקע אײַנמיטן געפֿלי, זיי פלעגן זייער קונציק אונטערכאַפּן דאָס ריטל; אָך, ווי די פראָש פלעג, נעבעך, ציטערן בײַסמײַסע. ניט איין מאָל פלעג זי אין אזא מין רעגע שיר ניט א קוואַקע טאָן פאר שרעק. אָבער דאָ מוז מען דאָך האָבן א פעסטן מוט, און זי האָט אים טאַקע געהאַט.

אײַנאָוונט האָט זיך די גאַנצע כעוורע אָפּגעשטעלט לעם עפּעס א געמויזעכץ, און ווי ס'איז נאָר אופגעגאַנגען דער מאָרגנשטערן, אזוי האָבן זיך די ענטלעך מיט דער פראָש פונסנײַ געלאָזט אין וועג אַרײַן. איצטיקס מאָל האָט שוין די רײַזנדערן אונדזערע, קעדיי בעסער זען, וואָס ס'טוט זיך אפן וועג, זיך אָנגעקלאַמערט אינעם ריטל אזוי, אז דאָס פליישקעלע מיטן קאָפּ־אויבער־פלאַך זײַנען אויסגעקומען אפן פאָרויס און דאָס בײַכל — אפן צוריק.

די ענטלעך זײַנען געפלויגן איבער אָפּגעשניטענע פעלדער, איבער געל־געוואָרענע וועלדער און איבער דערפער, וואָס זײַנען פול מיט טוווע אין די סקירדעס; פונדאָרטן האָבן זיך געטראָגן מענטשישע קוילעס, א קלאַפּערײַ פון די דרעש־שטעקנס, מיט וועלכע מע האָט געדראָשן קאָרן. די מענטשן האָבן געקוקט אפן דער שורע ענטלעך. זיי האָבן באַמערקט, אז דאָ איז עפּעס ניט אזויווי אלעמאָל, און האָבן געוויזן אהער מיט די פינגער. דער פראָש האָט זיך זייער געוואָלט פליִען וואָס נעענטער צו דער ערד, קעדיי מע זאָל זי בעסער קאָנען זען, און אין איין גאַנג וואָלט זי דערווײַל געהערט, וואָס מע רעדט דאָרט וועגן איר. אז מע האָט זיך נאָכאמאָל צוגעשטעלט אָפּרוען, האָט זי זיך אָנגערופן:

— עפּשער איז מעגלעך, מע זאָל ניט אזוי הויך פליִען. סע פאַרדרייט זיך מיר דער קאָפּ פון אזא הויכקײַט, און איך האָב

סע איך אזוי! טאקע איך אליין האָב עס אזוי צוגעטראַכט!

מוירע, אַז אײן קאָן אַראָפּפאַלן, טאָמער ווערט מיר דאָרט ניט גוט.

און די גוטע ענטלעך האָבן איר צוגעזאָגט, אַז זײ וועלן זיך שוין האַלטן אַביסל נידעריקער.

אַף מאָרגן זײַנען זײ טאַקע געפלויגן אַזוי נידעריק, אַז זײ האָבן קלאָר געהערט די מענטשישע קוילעס.

— קוקט, קוקט, — האָבן די קינדער אין אײנעם אַ דאָרף געשריגן, — די ענטלעך טראָגן אַ פּראָש!

די פּראָש האָט עס דערהערט, האָט באַ איר מאַמעש דאָס האַרץ גענומען אונטערטאַנצן.

— קוקט, קוקט, — האָבן שוין אין אַ צווייטן דאָרף געשריגן די דערוואַקסענע, — דאָס זײַנען דאָך כידושים אין דער וועלט.

„צי ווײסן זײ כאָטש, אַז דאָס האָבן ניט די ענטלעך צוגעטראַכט, נאָר איך, איך?“ — האָט די פּראָש אַ קלער געטאָן.

— קוקט נאָר, קוקט, — האָט מען אין אַ דריטן דאָרף געשריגן. — וואונדער איבער וואונדער! וועמען האָט עס געקאָנט אײַנפאַלן אַזאַ מין קונציקער אופן?

דאָ האָט שוין די פּראָש מער ניט אויסגעהאַלטן, זי האָט גאָר פאַרגעסן, וואָס הײסט אַזעלעכס פאָרזיכטיקײַט, און האָט זיך צעשריגן מיט אַלע קויכעס:

— סע איך אַזוי! איך! איך!

און אַזוי שרײַענדיק, האָט זי גענומען פאַלן מיט פאַריסענע פיסלעך גלײַך צו דער ערד. די ענטלעך האָבן געמאַכט אַ גרויס געשרײ. אײן ענטל האָט זיך אַפילע אַ לאָז געטאָן און געוואָלט כאַפּן די אָרעמע רײַזנדערין אינמיטן געפלי. אָבער זי האָט זיך ניט גאָר גוט אָנגעצילט און זיך מיט איר אויסגעפעלט. די פּראָש האָט, נעבעך, געדריגעט מיט אַלע פיר פיסלעך און איז וואָס ווײַטער אַלץ שנעלער געפאַלן. אָבער אַזוי ווי די ענטלעך זײַנען געפלויגן זײער גיך, איז די פּראָש געפאַלן ניט גלײַך אַף יענעם האַרטן אָרט, איבער וועלכן זי האָט זיך געהאַט צעשריגן, נאָר עס האָט זי אָפּגעטראָגן אַסאַך ווײַטער, און דאָס איז טאַקע געווען איר גליק. ווײַל דאָ האָט זי זיך אַ פּליוסקע

געטאָן אין א בלאָטיקער סאזשלקע, וואָס האָט זיך געפונען באַם עק דאָרף. זי האָט זיך גלײַך געגעבן א טוק ארויס פון דער וואסער און פאר גרויס אימפעט האָט זי זיך איבעראַנײַס צע־שריגן מיט אלע קויכעס:

— סע איך אזוי! — טאקע איך אליין האָב עס אזוי צוגע־טראכט!

אָבער ארום איר איז שוין איצט קיינער ניט געווען. די היגע פרעש, וואָס האָבן זיך אזוי דערשראָקן פונעם פּלוצעמ־דיקן פּליוסק, האָבן זיך פארשטעקט אונטער דער וואסער. אין א היפּשער ווײַלע ארום, אז זיי האָבן זיך אײַנגעשטעלט און ארויסגעשטעקט צוריק די קעפּ, האָבן זיי מיט גרויס וווּנדער גענומען באקוקן די נײַע פראָש.

און זי האָט זיי גלײַך אָנגעהויבן אויסדערציילן די וווּנדערלעכע געשיכטע, וויִאזוי זי האָט א גאנצן לעבן געטראכט, ביז זי האָט ענדלעך דערפונדן דעם נײַעם אויסערגעוויינלעכן מיטל פון מאכן רײַזעס מיט דער הילף פון די ענטלעך. זי האָט דערציילט, וויִאזוי זי האָט געהאט אירע אייגענע ענטלעך, וואָס פלעגן זי טראָגן אומעטום, וווהין ס'פלעג זיך איר נאָר פארגלוסטן. זי האָט זיי דערציילט, ווי זי האָט פארבראכט אפן שיינעם דאָרעם, ווי ס'איז דאָרטן מעכײַעדיק גוט, דאָרטן זײַנען דאָך דאָ אזעלכע אויסגעצייכנטע געמויזעכצן מיט גאנצע מענגעס געשמאקע פליגעלעך און אלערליי אנדערע אינזעקטן.

— איצט, — זאָגט זי, — בין איך פארפאָרן צו אײַך א קוק טאָן, וויִאזוי איר לעבט זיך דאָ. איך קלער זיך בא אײַך פאר־האלטן ביזקעלע פרילינג, און דאן וועלן זיך אומקערן מײַנע ענטלעך, וואָס איך האָב פרײַגעלאָזט אפ א שטיקל צײַט.

אָבער די ענטלעך האָבן זיך שוין מער קיינמאָל ניט אומגע־קערט. זיי האָבן געמיינט, אז די פראָש איז געפאלן אפ א הארטן אָרט און דערהארגעט געוואָרן, און ס'האָט זיי טאקע זייער באנק געטאָן.

BLIOTEKA

יידיש — אי. קיפניס.
קאָרעקטאָר — ב. סטעפאנסקי.
טעכנישער רעדאקטאָר — מ. זארעצקי.

פאפיר 62×94 — 1/32 — 38 קג. 1 דרוק־בויגנ.
אינ 1 פאפיר־בויגנ 70 000 צייכנס. פארלאג־
נומער 105־Є. טיראזש 2850 עקז. 9־טע פאָליגראפ
פאבריק, גופ אונ קפ. קיעוו, רויטער פלאצ 2a.
באשט. 976. באפולמעכטיקטער פונ הויפטליט
№ 1892. אָפגעגעבנ אינ זאצ 10/IX-37. אונטער־
געשריבנ צום דרוק 23/X — 1937.

ЕВРЕЙСЬКОЮ МОВОЮ

В. ГАРШІН

ЖАБА МАНДРІВНИЦЯ

УКРДЕРЖНАЦМЕНВИДАВ